**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווארנער האקול פייערט די היסטארישע דעזיגנירונג פון ניו יארק'ס ערשטע מארין סענקטועריביים לעיק אנטאריא

***נאציאנאלע אקעאנישע און אטמאספערישע אדמיניסטראציע'ס דעזיגנירונג מאכט לעיק אנטאריא ניו יארק'ס ערשטע נאציאנאלע מארין סעקטועריׂ & 16טע פלאץ דורכאויס די לאנד***

***נייע "אונטערוואסער פארק" באשיצט איבער 1,700 סקווער מייל פון גרעיט לעיקס מאריטיים היסטאריע***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געפייערט די נאציאנאלע אקעאנישע און אטמאספערישע אדמיניסטראציע'ס (National Oceanic and Atmospheric Administration, NOAA) היסטארישע דעזיגנירונג פון די לעיק אנטאריא נאציאנאלע מארין סענקטועריׂ (Lake Ontario National Marine Sanctuary). די לעיק אנטאריא סענקטועריׂ וועט ווערן די 16טע פלאץ אין די נאציאנאלע מארין סענקטועריׂ סיסטעם (National Marine Sanctuary System) און די ערשטע צו ווערן דעזיגנירט פון ניו יארק סטעיט'ס ים-ברעג.

"די סענקטועריׂ לייגט אונזערע אפסטעיט געמיינדעס אויף א נאציאנאלע בימע, אנערקענענדיג די ראיאן'ס אייגנארטיגע און באדייטנדע מאריטימע ריסאורסעס, איר אומאויפטוישבארע צייכן אין אינדיגעניוס און אמעריקאנער היסטארי, און איר וועלט-קלאסישע פארוויילונגס מעגליכקייטן," **האט גאווארנער האקול געזאגט**. "די לאנדמארק דערגרייכונג באצייכנט אונזער איבערגעגעבנקייט צו פרעזערווירן לעיק אנטאריא'ס רייכע מאריטימע וועג פון דורות לאנג און אין די צייט ערמעגליכן געלעגנהייטן פאר אונטערזוכונגען, פארוויילונג, און אנהאלטנדע באנוץ. ווען מיר באשיצן איבער 1,700 סקווער מייל און עטליכע היסטארישע פלעצער, פארזיכערן מיר אויך אז אונזערע גרעיט לעיקס געמיינדעס בליען ווייטער און פארבינדן זיך זייער לעבהאפטיגע פארגאנגענהייט, געגנווארט און צוקונפט."

**NAOO אדמיניסטראטאר ריטשארד ספינארד, Ph.D האט געזאגט,** "לעיק אנטאריא איז א וויכטיגע דורכגאנג צווישן די גרעיט לעיקס און די אקעאן. פון האנדל צו ביאדיווערזיטעט צו פארוויילונג, שטעלט די מאריטימע לאנדשאפט פון די געגנט פאר פארגאנגענהייט, געגנווארט און צוקונפטיגע פארבינדונגען און וועט האבן אומגלויבליכע בענעפיטן פאר די געמיינדעס וואס האבן שטארק געזוכט איר באשאפונג."

אפט גערופן אלס אונטערוואסער פארקס, רעכנט די נאציאנאלע מארינע סענקטועריׂ סיסטעם אריין פלעצער מיט נאטורליכע אדער קולטורעלע ריסאורסעס וואס זענען וויכטיג צו די פאלק'ס היסטאריע און די מארינע אומגעבונג. די נייע לעיק אנטאריא סענקטועריׂ וועט הייבן די עקזיסטירנדע סטעיט און פעדעראלע באשיצונגען פאר קולטורישע און היסטארישע פלעצער און צו באגרעניצן באנוצונגען אזויווי כאפן פיש, שיפלען און שיף-ליפערונג. די סענקטועריׂ'ס דעזיגנירונג ברענגט אויך נייע געלעגנהייטן פאר אונטערזוך, פארוויילונג, לערנבארע פראגראמען און געמיינדע פארבינדונג.

מארינע סענקטועריס זענען וויכטיג צו די פאבליק אין פילע וועגן, אריינרעכענענדיג:

- **באשיצן נאטוריכע און קולטורעלע שטריכן:** סענקטועריס באשיצן די לאנדשאפטליכע שיינקייט, ביאדיווערזיטעט און היסטארישע פארבינדונגען פון די אקעאן און גרעיט לעיקס. זיי שטעלן צו א פארזיכערטע וואוינארט פאר סארטן וואס זענען נאנט צו ווערן אויסגעראטן און באשיצן צובראכענע שיפן און ארטיפעקטס.
- **שטיצן אנהאלטנדע באנוץ:** סענקטועריס ערלויבן מענטשן הנאה צו האבן פון די אקעאן און גרעיט לעיקס אין אן אנהאלטנדע וועג. זיי זענען פאפולערע פארוויילונגס ערטער פאר טויכן און ספארט פיש-כאפן, און שטיצן קאמערציאלע אינדוסטריעס אזויווי טוריזם, שניידן פון קעלפ און כאפן פיש. זיי שטיצן אויך ים-ברעגנדע געמיינדעס דורך העלפן הייבן לאקאלע עקאנאמיעס און צושטעלן ארבעט.
- **שטעלן צו לערנען געלעגנהייטן:** סענקטועריס זענען נאטורליכע קלאסצימערן און לאבעראטאריעס פאר אונטערזוכערס, לערערס און סטודענטן. זיי קענען העלפן מענטשן פארשטיין און זיך זארגן פאר די אקעאן און גרעיט לעיקס.
- **אנהאלטן מאריטימע וועג פון דורות לאנג:** סענקטועריס שטאב נוצט לערנען, ארכעאלאגיע, מארינע סייענס און רעגולאציעס אנצוהאלטן די מאריטימע וועג פון דורות לאנג.

די לעיק אנטאריא סענקטועריס וועט דעקן איבער 1,700 סקווער מייל פון סטעיט וואסערן אין איסטערן לעיק אנטאריא און באשיצן ארום 43 באקאנטע צובראכענע שיפן און איין אריינגעפאלענע פליגער, וואס פירט מיט זיך הונדערטער יארן פון היסטאריע. די נייע סענקטועריס איז נאך אן צייכן פון די אנגייענדע טראנספארמאציע פון ניו יארק'ס גרעיט לעיקס געמיינדעס.

די שטארקע פאבליק פראצעדור צו דעזיגנירן לעיק אנטאריא נאציאנאלע מארין סענקטועריס האט זיך אנגעפאנגען אום יאנואר 17, 2017, ווען פירערס פון פיר ניו יארק קאונטיס (אסוועגא, דשעפערסאן, קאיוגא און וויין) און די סיטי אוו אסוועגא, מיט שטיצע פון די גאווארנער פון ניו יארק, האבן אריינגעגעבן א נאמינירונג צו NAOO דורך די סענקטועריס נאמינאציע פראצעדור. NAOO האט פארעפנטליכט א מעלדונג פון אז זיי טרעכטן אנצופאנגען די דעזיגנירונג פראצעדור אום אפריל 19, 2019 און אוועקגעשטעלט א סענקטועריס אדווייזערי קאונסיל אין 2020 צו העלפן אינפארמירן די דעזיגנירונג פראצעדור און קאנצענטרירן סטעיקהאלטער אנטיילנעמונג, וואו DOS און פארקס האבן פארשטייערט NYS אלס עקס אפיסיא מיטגלידער.

NAOO האט פארעפנטליכט א דרעפט ענווייראמענטל ווירקונג דעקלעראציע און דרעפט פארוואלטונג פלאן אום יולי 7,2021 און א מעלדונג פון פארגעשלאגענע רעגולאציע-מאכן אום יאנואר 19, 2023. די ענדגילטיגע ענווייראמענטאל ווירקונג דעקלעראציע איז פארעפנטליכט געווארן אום אפריל 19, 2024. היינט אום סעפטעמבער 6,2024, האבן ניו יארק סעקרעטערי פון סטעיט וואלטער ט. מאסלי און אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אנהאלטונג קאמישענער פרא טעם רענדי סימאנס אונטערגעשריבן א מעמארענדום פון צושטימונג מיט NAOO צו סערווירן אלס קא-מענעדשערס פון די ניי דעזיגנירטע סענקטועריס צו באשיצן, שטודירן און פייערן די וויכטיגע וועג פון דורות ריסאורסעס.

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי פון סטעיט וואלטער מאסלי האט געזאגט,** "די דעזיגנירונג באצייכנט א היסטארישע דערגרייכונג פאר ניו יארק סטעיט ווען מיר אנערקענען איסטערן לעיק אנטאריא אלס א וועלט-קלאס צענטער פון אונזער פאלק'ס מאריטימע היסטאריע, וועג פון פארגאנגענע דורות און קולטור. די סענקטועריס איז עפעס צו זיין שטאלץ דערמיט - עס האט פערזענליכקייט און איז אזוי אייגנארטיג ווי די ספעציעל פלאץ וואס עס איז אויסגעשטעלט צו באשיצן. די אפטיילונג פון סטעיט קוקט ארויס צו קא-

פארוואלטן די סענקטועריי מיט NAOO, און אין פארטנערשאפט מיט ערשטע פעלקער (First Nations) און אונזער איבערגעגעבענע געמיינדע פירערס און ים-ברעגנדע געמיינדעס."

**ניו יארק סטעיט פארקס קאמישענע פרא טעמפארא רענדי סימאנס האט געזאגט,** "די סענקטועריי לייגט ניו יארק'ס אפסטעיט געמיינדעס און וואסערן אויף א נאציאנאלע בימע, אנערקענענדיג די ראיאן'ס אייגנארטיגע און באדייטנדע מאריטימע ריסאורסעס, איר אומאויפטוישבארע צייכן אין אמעריקאנע היסטאריע און די פון די ערשטע פעלקער, און איר וועלט-קלאסיגע פארוויילונג מעגליכקייטן. די נייע סענקטועריי איז נאך א צייכן פון די אנגייענדע טראנספארמאציע פון אונזער גרעיט לעיקס געמיינדעס און שטייט פאר א מאנומענטאלע שריט פאראויס מיט NOAA צו באצייכענען אלעס וואס אונזער גוטע סטעיט האט פארצושלאגן."

**סטעיט עדיוקעישן קאמישענער בעטי א. ראזא האט געזאגט,** "די אוועקשטעלונג פון די לעיק אנטאריא נאציאנאלע מארין סענקטועריי באצייכנט א באדייטנדע מילשטיין אין אונזער אנגייענדע אנשטרענגונגען צו אנהאלטן אייגנארטיגע און וויכטיגע אספעקטן פון ניו יארק'ס היסטאריע און וועג פון פארגאנגענע דורות. די צוזאמענארבעטנדע אנשטרענגונג צווישן NOAA און ניו יארק סטעיט באצייכנט אונזער געמיינזאמע פארפליכטיגונג צו באשיצן די היסטאריע און אין די זעלבע צייט צושטעלן באדייטפולע לערנונגס געלעגנהייטן. דורך ווייטערדיגע צוזאמענארבעט, געמיינדע פארבינדונג, און ריסאורס פארוואלטונג, זאגט די סענקטועריי צו צו העלפן פארטיפערן אונזער פארשטייאונג און אנערקענונג פאר אונזער געמיינזאמע קולטורעלע פארגאנגענהייט און איר אנהאלטנדע לעגעסי."

אלס קא-פארוואלטער, איז ניו יארק סטעיט אויף א פלאץ צו באיינפלוסן די אפטיילונג פון סטעיט'ס ים-ברעג פלאנירונג און עקאנאנעישע אנטוויקלונג פראגראמען, אריינרעכענענדיג די לאקאלע וואסער-פראנט ווידעראויפלעבונג פראגראם, ים ברעג לעיקשאור עקאנאמיע און שטאנדהאפטיגקייט (CLEAR) איניציאטיוו, דאונטאון ווידעראויפלעבונג איניציאטיוו און NY פאראויס, צו פארשטערקערן לעיק אנטאריא וואסער פראנט געמיינדעס און ווייטער באשיצן און הייבן די לעיק אנטאריא נאציאנאלע מארינע סענקטועריי. די סענקטועריי ווערט געזען אלס נאך א געלעגנהייט צו אנפאנגען אינוועסטירונג קאנצענטרירנדיג זיך אויף די ראיאן'ס שטארקע ים ברעגישע און מאריטימע קולטורעלע וועג פון פארגאנגענע דורות.

די סיטי און אסוועגא, צום ביישפיל, האט באקומען א 10 מיליאן דאלאר אווארד פון די DOS דאונטאון ווידעראויפלעבונג איניציאטיוו אין 2016 פאר פראיעקטן וואס אבער אויפגעלעבט די דאונטאון און ווידער-פארבינדן די געמיידנע צו די וואסערפראנט; די LWRP פראגראם האט פינאנצירט פארבעסערונגען צו די טייך-שפאצירוועג מענטשן וועג פארבינדנדיג די דאונטאון צו די אסוועגא טייך און לעיק אנטאריא; און REDI האט געשטיצט די פארענדיגונג פון אינטערנאציאנלע פיער צו פארבעסערן די שיפלען איבערלעבעניש. אלס רעזולטאט, איז דאונטאון אסוועגא געווארן א מער אויפגעלעבטע און גוטע פלאץ פאר באזוכערס צו סענקטועריי צו בלייבן און שפילן.

די סענקטועריע דעזיגנירונג געבט אויך צו צו אנדערע סטעיט באמיאונגען געצילט צו פארשטערקערן געמיינדעס אויף די ברעגעס, אזויווי די לעיק אנטאריא ווידערשטאנדהאפטיגקייט און עקאנאמיע אנטוויקלונג איניציאטיוו (REDI), וועלכע איז אוועקגעשטעלט געווארן צו פארמערן די באפעסטיגונג פון געמיינדעס אויף די ברעגעס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן אלס אין אפרוף צו די כסדר'דיגע פארפלייצונגען דורכאויס די ברעגעס פון לעיק אנטאריא און די סט. לאווערנס טייך. זייט די ערפינדונג פון דער סטעיט'ס REDI פראגראם אין די פרילינג פון 2019, זענען 134 REDI געשטיצטע ארטיגע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגנס, אריינגערעכנט 26 פראיעקטן אין די דעזיין פאזע, 19 פראיעקטן אין די בויען פאזע, און 89 פראיעקטן געענדיגט, אריינרעכענענדיג די 9.5 מיליאן דאלאר

אינטערנאציאלע פיער, און 3.1 מיליאן דאלאר ווייטס לענדיג (Wrights Landing) פארבעסערונג פראיעקטן אין די סיטי אוו אסוועגא.

פאר מער אינפארמאציע איבער די לעיק אנטאריא נאציאנאלע מארינע סענקטועריע, באזוכט https://sanctuaries.noaa.gov/lake-ontario/ און די גרעיט לעיק, גרעיט סיקרעטס סטארימעפ.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן